בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# סֵדֶר קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה וְתִיקּוּן חֲצוֹת

מִיט וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת פוּן
הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין
דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט
**כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע**
אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע
אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת
וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,
אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ **רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב,** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ
אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד
מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ **רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב,** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ
גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת דוּרְךְ
חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נְיוּ יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# סֵדֶר קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לְהָאֲרִיזַ"ל

וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט אוּן אַ אִיד ווִיל זִיךְ גֵיין לֵייגְן שְׁלָאפְן, דַארְף עֶר ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז ווִי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אַזוֹי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי. אוֹיב לֵייגְט מֶען זִיךְ שְׁלָאפְן ווִי אַ אִיד, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַ אִיד. אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית א', ה') "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר", ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אִינְדֶערְפְרִי.

אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) "אָמַר רַבִּי יִצְחָק, כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, כְּאִלּוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִילִים קמ"ט, ו') רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם", וֶוען אַ אִיד לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הַאלְט אִין הַאנְט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן עֶר הַרְגְ'ט מִיט דֶעם אוֹיס אַלֶע מַזִיקִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה'.) "הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵלִין מִמֶּנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, שֵׁיידְן זִיךְ אָפּ פוּן אִים אַלֶע מַזִיקִין. דִי אַלֶע מַזִיקִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, גֵייעֶן

אַוועק פוּנֶעם מֶענְטְש. דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פַאר דֶעם מֶענְטְש, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לוֹיט'ן סֵדֶר ווִי אַזוֹי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט עֶס מְסַדֵר גֶעוֶוען, מִיט דִי פְּסוּקִים אוּן וִידוּיִם אוּן מִיט'ן מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן דֶעם סֵדֶר יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט הָארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגָמֵי הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוער ס'הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דִי עֲבֵירָה מַאכְט אַ חוּרְבָּן אִין אַלֶע וֶועלְטְן, עֶס בַּאשַׁאפְט קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס נֶעמֶען נָאכְדֶעם נְקָמָה אִינֶעם מֶענְטְש אוּן דֶערְבִּיטֶערְן אִים דָאס לֶעבְן, קֶען אָבֶּער דֶער מֶענְטְש דָאס אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לֵיינְט בַּיינַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הַמִּטָּה לוֹיט'ן סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב').

װען אַ איד װאלט געװאוּסט אַז מיט דעם װאס ער נעמט אַראפּ די פּאר מינוּט אײדער ער גײט שלאפן, צוּ לײנען קריאת שמע שעל המטה לוֹיט׳ן סדר פוּן אַר״י הקדוש, װערט מיט דעם אוֹיסגעהרג׳ט אַלע שלעכטע קליפּות װאס זענען באַשאפן געװארן פוּן זײנע עבירות, ער מעקט מיט דעם אוֹיס אַלע זײנע עבירות און עס בלײבט נישט קײן זכר פוּן זײ, ער מאכט רוּען די שכינה אוֹיף זיך און װערט נאנט צוּם אײבערשטן, װאלט ער זיכער זיך אנגעשטרענגט צוּ לײנען יעדע נאכט קריאת שמע שעל המטה לוֹיט דעם סדר.

עס שטײט אין זוהר הקדוש (פּרשת קרח, דף קע״ח.) אַז יעדע נאכט אײדער אַ מענטש לײגט זיך אַראפּ, אײדער ער גײט שלאפן, דאַרף ער זיך מאכן אַ חשבון הנפש פוּן אַלעס װאס ער האט געטוּן יענעם גאנצן טאג, ער דאַרף תשובה טוּן און מתפּלל זײן צוּם אײבערשטן אַז ער זאל רחמנות אוֹיף אים, און די מענטשן װאס טוּען דאס, װערן אנגערוּפן ״מארי דחוּשבנא״.

דער הײליגער רבי האט געהאט אַמאל אַ בחוּר װאס איז געשלאפן בײ אים אינדערהײם, אײנמאל בײנאכט איז דער בחוּר צוּגעגאנגען צוּם רבי׳ן און אנגעהוֹיבן װײנען אַז ער װיל זײן אַן ערליכער איד, דער רבי איז שוֹין געמאלט געליגן אין בעט, און דער רבי האט זיך אוֹיפגעזעצט אוֹיפ׳ן

בֶּעט און אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט דֶעם בָּחוּר, אִים צוּ וַוייזְן און אוֹיסְלֶערְנֶען דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג און עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט וֶועלְכֶע לִמּוּדִים עֶר זָאל לֶערְנֶען, און דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זַיין פוּן דִי "מָארֵי דְּחוּשְׁבָּנָא", צוּ מַאכְן יֶעדֶע נַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס: "יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג. אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶוענְט און זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט יֶענֶעם טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, און דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַז דֶער קוּמֶענְדִיגֶער טָאג זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין נָאךְ מֶער מוֹסִיף צוּ זַיין, נָאךְ מֶער און בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים. און אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶוענְט יֶענֶעם טָאג, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין חַס וְשָׁלוֹם, זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זָאלְסְט זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט הַיינְט, דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט

און נישְׁט גֶעדַאוֶועט און זיךְ נישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווי מֶען בְּרוּיךְ, און דו זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דו הָאסְט גֶעטוּן, און דו זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער אַז מָארְגְן זָאלְסְטוּ שׁוֹין יָא זוֹכֶה זַיין צו דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען און זַיין עֶרְלִיךְ" (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפ"ז).

אַ אִיד טָאר זיךְ נישְׁט לָאזְן נַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גוּט וויסְן און אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֱמֶת וֶוער עֶר אִיז און וָואס עֶר אִיז, און וויפִיל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזִינְדִיגְט און דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. ווי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט נישְׁט קֵיין חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, ווי לַאנְג אַ אִיד רֶעדְט זיךְ נישְׁט דוּרְךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, מֵיינְט עֶר אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ גְרוֹיסְט זיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר קוּקְט אַרָאפּ אַ צְוֵוייטְן, עֶר קְרִיגְט זיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אָבֶּער אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צו מַאכְן יֶעדֶע נַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ וואו עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר מַאכְט זיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קְבִיעוּת אַז עֶר גֵייט נישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט אֵיידֶער עֶר לֵיינְט דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה לוֹיטְ'ן סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, וָואס דָארְט אִיז מֶען זיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דֶעם גַאנְצְן טָאג, מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זיךְ אַז מֶען אִיז גְרֵייט זיךְ צו

לָאזְן הַרְג'עֶנֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן מִיט דִי פִיר מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג און חֶנֶק, וּבִפְרַט וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם פָּסוּק "בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי" הָאט מֶען אִינְזִין אַז מֶען אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיסֶער דֶעם רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דֶעם גַאנְצְן טָאג, דַאן הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן זִיךְ אַלֵיין צוּ קֶענֶען אַבִּיסְל, עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ שֶׁעמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיפְפִירְן אַזוֹי דֶעם גַאנְצְן טָאג, עֶר וֵויינְט און עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין פוּן הַיינְט און וַוייטֶער צוּ זַיין נָאר וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, עֶר וֵוייסְט אַז וִויפִיל עֶר וֶועט נָאר מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן שֵׂכֶל און בַּיינַאכְט וֶועט עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לוֹיטְ'ן סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס, דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן

דֶעם מֶענְטְש אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, אַז וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט זָאל דֶער מֶענְטְש אַריינְפַאלְן אִין בֶּעט אוּן אַיינְשְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אָן צוּ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶש פוּנֶעם טָאג.

וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט, פַאלְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְש אַזַא שְׁטַארְקֶע מִידְקֵייט, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה בִּכְלָל, אוּן זִיכֶער נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ. אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְש אַן עֶרְלִיכֶער, וֶועט עֶר זִיךְ אֶפְשָׁר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זָאגְן כָאטְש דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע מִיט בָּרוּךְ שֵׁם אוּן אַזוֹי אַיינְשְׁלָאפְן. דֶער מֶענְטְש כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז מִיט דֶעם לָאזְט עֶר זִיךְ אַריינְנַארְן אִינֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע, יֶעצְט הָאט עֶר דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ פַארְרֶעכְטְן אִין אַפָּאר מִינוּט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ יֶעצְט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לוֹיטְ'ן סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַלֶעס מוֹחֵל זַיין, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ מֶענְטְש לָאזְט זִיךְ פַארְפִירְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן מַאכְט זִיךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן: "הַיינְט אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט,

הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט כֹּחַ צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֵיינֶען". מִיר וֵוייסְן אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז "אִם תַּעַזְבֵנוּ יוֹם, יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ", אוֹיבּ לָאזְט מֶען אוֹיס אֵיין טָאג, וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיסְלָאזְן צְוֵויי טֶעג. אַ אִיד דַארְף אָפְּמַאכְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ טָאג אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לוֹיטְ'ן סֵדֶר פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אָן זִיךְ צוּ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן יֶענֶעם טָאג.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מֶען פְלֶעגְט אִים הֶערְן וֵויינֶען יֶעדֶע נַאכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְ'ן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַרַיין אִין קָאפּ אַז אִיךְ זָאל קְלָאר וִויסְן אַז הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶער נַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ זִיכֶער לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, אוּן אִיךְ וֶועל זִיכֶער זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן זִיךְ מַאכְן אַן אֱמֶת'עֶר חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְצְן טָאג".

וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט דֶעם, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג וֶוען עֶר וֶועט מוּזְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז

הײנט נאכט איז טאקע זײן לעצטער נאכט אויף דער וועלט, וועט ער זיכער תשובה טון און זיך מתוודה זײן פאר'ן אײבערשטן אײדער ער גײט שלאפן. מען דארף דאך זאגן וידוי אײדער מען שטארבט, אזוי ווי חז"ל זאגן (סנהדרין מ"ג:) "כל המומתין מתודין", און ווען א מענטש איז זיך מתוודה אײדער ער שטארבט, איז דאס שטארבן אלײן א כפרה אויף אלע זײנע עבירות. און ווען דער אײבערשטער העלפט אז מען שטײט אויף אינדערפרי געזונט און שטארק, איז אבער דאס שלאפן אויך געווען אביסל אזוי ווי מיתה, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות נ"ז:) "שינה אחד מששים למיתה", שלאפן איז א זעכציגסטל פון מיתה, קומט אויס אז ווען א מענטש איז זיך מתוודה אײדער ער גײט שלאפן, קען דאס שלאפן אלײן זײן א כפרה פאר אים.

ווען א איד איז זוכה צו לײנען יעדע נאכט קריאת שמע שעל המטה לויט'ן סדר פון אר"י הקדוש און זיך מתוודה זײן פאר'ן אײבערשטן, וועט ער זיכער ווערן אן אמת'ער בעל תשובה, ער וועט ווערן אן אמת'ער צדיק, ער וועט ווערן אן אמת'ער ערליכער איד, עס וועט אים זײן גאר גוט סײ אויף די וועלט און סײ אויף יענע וועלט.

לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ, לְיַחֲדָא שֵׁם יו"ד הֵ"י בְּוָא"ו הֵ"י בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל. הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי אֱלָהוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְאַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ, וַהֲרֵינִי יָרֵא מִמֶּנּוּ בְּגִין דְּאִיהוּ רַב וְשַׁלִּיט עַל כֹּלָּא. וְכֹלָּא קָמֵיהּ כְּלָא. וַהֲרֵינִי מַמְלִיכוֹ עַל כָּל אֵבָר וְאֵבָר וְגִיד וְגִיד מֵרַמַ"ח אֵבָרִים וְשָׁסָ"ה גִּידִים שֶׁל גּוּפִי וְנַפְשִׁי, רוּחִי וְנִשְׁמָתִי, מַלְכוּת גְּמוּרָה וּשְׁלֵמָה, וַהֲרֵינִי עֶבֶד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְהוּא בְּרַחֲמָיו יְזַכֵּנִי לְעָבְדוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם וְנֶפֶשׁ חֲפֵצָה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֲרֵינִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט אוֹתִי אוֹ שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי בֵּין בְּגוּפִי בֵּין בְּמָמוֹנִי בֵּין בִּכְבוֹדִי בֵּין בְּכָל אֲשֶׁר לִי בֵּין בְּאוֹנֶס בֵּין בְּרָצוֹן בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד בֵּין בְּמַחֲשָׁבָה בֵּין בְּדִבּוּר בֵּין בְּמַעֲשֶׂה. בֵּין בְּגִלְגּוּל זֶה בֵּין בְּגִלְגּוּל אַחֵר לְכָל בַּר יִשְׂרָאֵל וְלֹא יֵעָנֵשׁ שׁוּם אָדָם בְּסִבָּתִי. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁלֹּא אֶחְטָא עוֹד וְלֹא אֶחֱזוֹר בָּהֶם וְלֹא אָשׁוּב עוֹד לְהַכְעִיסְךָ וְלֹא אֶעֱשֶׂה הָרַע בְּעֵינֶיךָ. וּמַה שֶּׁחָטָאתִי לְפָנֶיךָ מְחוֹק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֲבָל לֹא עַל יְדֵי יִסּוּרִים וָחֳלָאִים רָעִים: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְהֹוָה צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

הַשְׁכִּיבֵנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ לְשָׁלוֹם. וְהַעֲמִידֵנוּ מַלְכֵּנוּ לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. וּפְרוֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ. וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ. וְהוֹשִׁיעֵנוּ מְהֵרָה לְמַעַן שְׁמֶךָ. וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ. וְהָסֵר מֵעָלֵינוּ אוֹיֵב דֶּבֶר וְחֶרֶב וְרָעָב וְיָגוֹן. וְהָסֵר שָׂטָן מִלְּפָנֵינוּ וּמֵאַחֲרֵינוּ. וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנוּ. כִּי אֵל שׁוֹמְרֵנוּ וּמַצִּילֵנוּ אָתָּה. כִּי אֵל מֶלֶךְ חַנּוּן וְרַחוּם אָתָּה. וּשְׁמוֹר צֵאתֵנוּ וּבוֹאֵנוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה עַל עֵינָי וּתְנוּמָה עַל עַפְעַפָּי. וּמֵאִיר לְאִישׁוֹן בַּת עָיִן. וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי. שֶׁתַּשְׁכִּיבֵנִי לְשָׁלוֹם וְתַעֲמִידֵנִי לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. וְתֵן חֶלְקִי בְּתוֹרָתֶךָ. וְתַרְגִּילֵנִי לִדְבַר מִצְוָה. וְאַל תַּרְגִּילֵנִי לִדְבַר עֲבֵרָה וְאַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי חֵטְא וְלֹא לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן, וְיִשְׁלוֹט בִּי יֵצֶר הַטּוֹב וְאַל יִשְׁלוֹט בִּי יֵצֶר הָרָע. וְתַצִּילֵנִי מִשָּׂטָן וּמִפֶּגַע רָע וּמֵחֳלָיִם רָעִים. וְאַל יְבַהֲלוּנִי רַעְיוֹנַי וַחֲלוֹמוֹת רָעִים וְהִרְהוּרִים רָעִים. וּתְהִי מִטָּתִי שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ. וְהָאֵר עֵינַי פֶּן אִישַׁן הַמָּוֶת: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה, הַמֵּאִיר לָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדוֹ:

יחיד אומר: אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן:

# שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ. יְהֹוָה אֶחָד:

בלחש: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

וְאָהַבְתָּ אֵת יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ: וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם. עַל לְבָבֶךָ וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם. בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ. וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ:
וּכְתַבְתָּם עַל מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם: וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ יוֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ: וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ: הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם:

וְחָרָה אַף יְהֹוָה בָּכֶם וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם וְלֹא
יִהְיֶה מָטָר וְהָאֲדָמָה לֹא תִתֵּן אֶת יְבוּלָהּ
וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר
יְהֹוָה נֹתֵן לָכֶם: וְשַׂמְתֶּם אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה עַל
לְבַבְכֶם וְעַל נַפְשְׁכֶם וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת
עַל יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם: וְלִמַּדְתֶּם
אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ
וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּכְתַבְתָּם
עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם עַל הָאֲדָמָה
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהֹוָה לַאֲבֹתֵיכֶם לָתֵת
לָהֶם כִּימֵי הַשָּׁמַיִם עַל הָאָרֶץ:

וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דַּבֵּר אֶל בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם
צִיצִת עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם וְנָתְנוּ עַל
צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת: וְהָיָה לָכֶם לְצִיצִת
וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת יְהֹוָה
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם

וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם: לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹהֵיכֶם: אֲנִי יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים אֲנִי יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם: אֱמֶת.

הַלְלוּיָהּ. שִׁירוּ לַיהֹוָה שִׁיר חָדָשׁ. תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים: יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו. בְּנֵי צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם: יְהַלְלוּ שְׁמוֹ בְמָחוֹל. בְּתֹף וְכִנּוֹר יְזַמְּרוּ לוֹ: כִּי רוֹצֶה יְהֹוָה בְּעַמּוֹ. יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה: יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד. יְרַנְּנוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם: רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם. וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם: לַעֲשׂוֹת נְקָמָה בַּגּוֹיִם. תּוֹכֵחוֹת בַּלְאֻמִּים: לֶאְסֹר מַלְכֵיהֶם בְּזִקִּים. וְנִכְבְּדֵיהֶם בְּכַבְלֵי בַרְזֶל: לַעֲשׂוֹת בָּהֶם מִשְׁפָּט כָּתוּב, הָדָר הוּא לְכָל חֲסִידָיו. הַלְלוּיָהּ:

הִנֵּה מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה, שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים סָבִיב לָהּ מִגִּבֹּרֵי יִשְׂרָאֵל: כֻּלָּם אֲחֻזֵי חֶרֶב,

מְלֻמְּדֵי מִלְחָמָה, אִישׁ חַרְבּוֹ עַל יְרֵכוֹ מִפַּחַד בַּלֵּילוֹת: ג"פ

יְבָרֶכְךָ יְהוָה וְיִשְׁמְרֶךָ: יָאֵר יְהוָה פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ: יִשָּׂא יְהוָה פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם: ג"פ

יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן, בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן. אֹמַר לַיהוָה, מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ. כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ, מִדֶּבֶר הַוּוֹת. בְּאֶבְרָתוֹ יָסֶךְ לָךְ, וְתַחַת כְּנָפָיו תֶּחְסֶה, צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ. לֹא תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה, מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם. מִדֶּבֶר בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ, מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם. יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף, וּרְבָבָה מִימִינֶךָ, אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ. רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט, וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה. כִּי אַתָּה יְהוָה מַחְסִי.

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתֵנוּ, וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתֵנוּ. שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ. אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ:

אָשַׁמְנוּ. בָּגַדְנוּ. גָּזַלְנוּ. דִּבַּרְנוּ דֹפִי: הֶעֱוִינוּ. וְהִרְשַׁעְנוּ. זַדְנוּ. חָמַסְנוּ. טָפַלְנוּ שֶׁקֶר: יָעַצְנוּ רָע. כִּזַּבְנוּ. לַצְנוּ. מָרַדְנוּ. נִאַצְנוּ. סָרַרְנוּ. עָוִינוּ. פָּשַׁעְנוּ. צָרַרְנוּ. קִשִּׁינוּ עֹרֶף: רָשַׁעְנוּ. שִׁחַתְנוּ. תִּעַבְנוּ. תָּעִינוּ. תִּעְתָּעְנוּ:

סַרְנוּ מִמִּצְוֹתֶיךָ וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ הַטּוֹבִים וְלֹא שָׁוָה לָנוּ. וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל הַבָּא עָלֵינוּ כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנַחְנוּ הִרְשָׁעְנוּ:

## דִי וִידוּי וָואס מֶען זָאגְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע

אִין דִי סֵדֶר קְרִיאַת שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט מֶען וִידוּי, אִין דֶעם נוּסַח הַוִידוּי שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי עוֹלָמוֹת

מַה נֹּאמַר לְפָנֶיךָ יוֹשֵׁב מָרוֹם. וּמַה נְּסַפֵּר לְפָנֶיךָ שׁוֹכֵן שְׁחָקִים. הֲלֹא כָּל הַנִּסְתָּרוֹת וְהַנִּגְלוֹת אַתָּה יוֹדֵעַ:

אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם. וְתַעֲלוּמוֹת סִתְרֵי כָּל חָי. אַתָּה חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב. אֵין דָּבָר נֶעְלָם מִמֶּךָּ וְאֵין נִסְתָּר מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ: וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתְּכַפֵּר לָנוּ עַל כָּל חַטֹּאתֵינוּ. וְתִסְלַח לָנוּ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ. וְתִמְחָל לָנוּ עַל כָּל פְּשָׁעֵינוּ:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁאִם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וּפָגַמְתִּי בְּאוֹת יוּ"ד שֶׁל שִׁמְךָ הַגָּדוֹל יהו"ה, וּבְאוֹת א' שֶׁל אדנ"י, וְנִתְחַיַּבְתִּי בְּדִינְךָ הַצֶּדֶק סְקִילָה

---

עֶלְיוֹנִים וואוּ עֶס שַׁיינְט דִי פִיר הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "ע"ב, ס"ג, מ"ה, ב"ן", פוּן דִי פִיר וֶועלְטְן "אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה, עֲשִׂיָּה", אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דִי פִיר מִיתוֹת בֵּית דִין "סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, חֶנֶק".

אוֹ כַּיּוֹצֵא בּוֹ, הֲרֵי אֲנִי מְקַבֵּל עָלַי סְקִילָה, וַהֲרֵינִי כְּאִלּוּ נִסְקַלְתִּי עַל יְדֵי אוֹת א׳ שֶׁל הַשֵּׁם אדנ״י בְּבֵית דִּין הַגָּדוֹל שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ, וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שְׁלֹשָׁה אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים: יהו״ה אהי״ה אדנ״י (יא״א), וְשֵׁם קָדְשֶׁךָ בְּמִלּוּי אַרְבַּע יוּדִי״ן שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא עַ״ב, כָּזֶה (יו״ד ה״י וי״ו ה״י), וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בְּעוֹלָם הָאֲצִילוּת וְאַל יְהֵא מוֹנֵעַ:

וְאִם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וּפָגַמְתִּי בְּאוֹת ה׳ רִאשׁוֹנָה שֶׁל שִׁמְךָ הַגָּדוֹל יהו״ה וּבְאוֹת ד׳ שֶׁל אדנ״י, וְנִתְחַיַּבְתִּי בְּדִינְךָ הַצֶּדֶק שְׂרֵפָה אוֹ כַּיּוֹצֵא בָּהּ, הֲרֵי אֲנִי מְקַבֵּל עָלַי

---

מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי אַלֶע שֵׁמוֹת אוּן הוֹיכֶע זַאכְן, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דִי אַלֶע זַאכְן מֵיינֶען, אָבֶער מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קֶענֶען מִיר דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס קֶען אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן. כָאטְשׁ וָואס דָאס זֶעט אוֹיס ווִי הוֹיכֶע זַאכְן וָואס נָאר

שְׂרֵפָה, וַהֲרֵינִי כְּאִלּוּ נִשְׂרַפְתִּי עַל יְדֵי אוֹת ד׳ שֶׁל הַשֵּׁם אדנ״י בְּבֵית דִּין הַגָּדוֹל שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ, וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת שְׁנִיּוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים: יהו״ה אהי״ה אדנ״י (הה״ד), וְשֵׁם קָדְשְׁךָ בְּמִלּוּי שָׁלֹשׁ יוּדִי״ן וְא׳, שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא סַ״ג, כָּזֶה (יו״ד ה״י וא״ו ה״י) וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בָּעוֹלָם הַבְּרִיאָה, וְאַל יְהֵא מוֹנֵעַ:

וְאִם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וּפָגַמְתִּי בְּאוֹת ו׳ שֶׁל שִׁמְךָ הַגָּדוֹל יהו״ה וּבְאוֹת נ׳ שֶׁל שִׁמְךָ אדנ״י, וְנִתְחַיַּבְתִּי לְפָנֶיךָ בְּדִינְךָ הַצֶּדֶק הֶרֶג אוֹ כַּיּוֹצֵא בּוֹ, הֲרֵי אֲנִי מְקַבֵּל עָלַי הֶרֶג, וַהֲרֵינִי כְּאִלּוּ נֶהֱרַגְתִּי עַל יְדֵי אוֹת

---

געהויבּענע אידן קענען דאס פארשטיין, איז דאס אָבּער בּאמת נוגע פאר יעדן איינציגן איד.

דער רבּי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן כ״א) אַז דער תּכלית צו וואס אַ איד דארף צוקומען אויף דער וועלט איז צו ווערן נאָנט צום אייבּערשטן, אַז ער זאָל האָבּן אַזאַ שטאַרקע און

נ׳ שֶׁל אדנ״י בְּבֵית דִּין הַגָּדוֹל שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ, וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת שְׁלִישִׁיּוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים: יהו״ה אהי״ה אדנ״י (וי״נ), וְשֵׁם קָדְשְׁךָ בְּמִלּוּי אַלְפִין שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא מַ״ה, כָּזֶה (יו״ד ה״א וא״ו ה״א), וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בָּעוֹלָם הַיְצִירָה וְאַל יְהֵא מוֹנֵעַ:

וְאִם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וּפָגַמְתִּי בְּאוֹת ה׳ אַחֲרוֹנָה שֶׁבְּשִׁמְךָ הַגָּדוֹל יהו״ה וּבְאוֹת י׳ שֶׁל אדנ״י, וְנִתְחַיַּבְתִּי בְּדִינְךָ הַצֶּדֶק חֶנֶק אוֹ כַּיּוֹצֵא בּוֹ, הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי חֶנֶק, וַהֲרֵינִי כְּאִלּוּ נֶחְנַקְתִּי עַל יְדֵי אוֹת י׳ שֶׁל אדנ״י בְּבֵית דִּין הַגָּדוֹל שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם, וְאַתָּה

רֵיינֶע אֱמוּנָה בִּיז עֶר זָאל אֱמֶת'דִיג שְׁפִּירְן אַז ס'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן אוּן גָארְנִישְׁט דַארְפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּ צוּ דִי מַדְרֵיגָה דַאן גֵייט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט אָן, עֶר לָאזְט זִיךְ פִּירְן פוּנֶעם

בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת אַחֲרוֹנוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים: יהו"ה אהי"ה אדנ"י (הה"י), וְשֵׁם קָדְשְׁךָ בְּמִלּוּי הֵהִי"ן שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא בַּ"ן, כָּזֶה (יו"ד ה"ה ו"ו ה"ה), וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בָּעוֹלָם הָעֲשִׂיָּה וְאַל יְהֵא מוֹנֵעַ:

וַהֲרֵי עַתָּה קִבַּלְתִּי עָלַי כָּל אַרְבַּע מִתוֹת בֵּית דִּין לְכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתַי שֶׁחָטָאתִי עָוִיתִי וּפָשַׁעְתִּי מִנְּעוּרַי וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה לְכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתַי וּלְתַקֵּן כָּל הָעוֹלָמוֹת שֶׁפָּגַמְתִּי בָּהֶם: (יְאֶאֱ הָהִד וָיְנֻ הָהְיָ יְהֹוָה אֶהְיֶהְ אֲדֹנָי):

אָנָּא בְּכֹחַ גְּדֻלַּת יְמִינְךָ תַּתִּיר צְרוּרָה: אב"ג ית"ץ

קַבֵּל רִנַּת עַמְּךָ שַׂגְּבֵנוּ טַהֲרֵנוּ נוֹרָא: קר"ע שט"ן

נָא גִבּוֹר דּוֹרְשֵׁי יִחוּדְךָ כְּבָבַת שָׁמְרֵם: נג"ד יכ"ש

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים, עֶס אִיז אִים שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר לֶעבְּט אָדֶער עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶס וֶוערְט מְקוּיָּם בַּיי אִים דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי ו', כ"ב) "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ, בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ, וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ", עֶר
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

בָּרְכֵם טַהֲרֵם רַחֲמֵי צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם: בט"ר צת"ג
חֲסִין קָדוֹשׁ בְּרוֹב טוּבְךָ נַהֵל עֲדָתֶךָ: חק"ב טנ"ע
יָחִיד גֵּאֶה לְעַמְּךָ פְּנֵה זוֹכְרֵי קְדֻשָּׁתֶךָ: יג"ל פז"ק
שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת: שק"ו צי"ת
בלחש: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

אִם תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה שְׁנָתֶךָ: ג"פ בְּטוֹב אָלִין אָקִיץ בְּרַחֲמִים: ג"פ לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְהוָה. קִוִּיתִי יְהוָה לִישׁוּעָתְךָ. יְהוָה לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי: ג"פ אַתָּה סֵתֶר לִי | מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: ג"פ סֶלָה תְּסוֹבְבֵנִי פַּלֵּט רָנֵּי תִּצְּרֵנִי מִצַּר לִי סֵתֶר אַתָּה: ג"פ תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים. שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ. נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח: ג"פ

---

דַארְף אֶמֶת'דִיג גֶארְנִישְׁט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע, בֶּעסְטֶע, אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען.

אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הֵיילִיגְט זִיךְ דִי מוֹיל, דִי נָאז, דִי אוֹיעֶרְן, אוּן דִי אוֹיגְן, וָואס דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען פַארְבִּינְדֶען מִיטְ'ן מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם צִיּוֹן כִּי עֵת לְחֶנְנָהּ כִּי בָא מוֹעֵד: בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי פָּדִיתָה אוֹתִי יְהֹוָה אֵל אֱמֶת: שָׁרֵי לֵיהּ מָארֵיהּ לְמַאן דִּמְצַעֵר לִי: תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב:

לְדָוִד מִזְמוֹר לַיהֹוָה הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ. כִּי הוּא עַל יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ. מִי יַעֲלֶה בְהַר יְהֹוָה וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ. נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב אֲשֶׁר לֹא נָשָׂא לַשָּׁוְא נַפְשִׁי וְלֹא נִשְׁבַּע לְמִרְמָה. יִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת יְהֹוָה וּצְדָקָה מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ. זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁו מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה. שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד. מִי זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהֹוָה עִזּוּז וְגִבּוֹר יְהֹוָה גִּבּוֹר

---

ווען מען רייניגט דאס רעדן מיט די מויל, דאס שמעקן מיט די נאז, דאס הערן מיט די אויערן, און דאס זען מיט די אויגן; דאן ווערט שוין אויטאמאטיש גערייניגט און געהייליגט דער מח וואס איז אנגעהאנגען אין זיי.

מִלְחָמָה. שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד. מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהֹוָה צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה:

עוּרָה כְבוֹדִי עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר:

בְּשֵׁם יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל. מִימִינִי מִיכָאֵל. וּמִשְּׂמֹאלִי גַּבְרִיאֵל. וּמִלְּפָנַי אוּרִיאֵל. וּמֵאֲחוֹרַי רְפָאֵל. וְעַל רֹאשִׁי שְׁכִינַת אֵל: ג"פ

~~~

ווען מען היילִיגְט די פִיר חוּשִׁים ווערְט דער מֹחַ קְלָאר און לויטֶער, מען ווערט פַארְבִּינְדֶען און מען ווערְט אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מען האט אַ זִיסֶע און גוּטֶע לֶעבְּן אויף די וועלְט און אויף יֶענֶע וועלְט.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֵרוּבִין מ"א.) "בָּתַר רֵישָׁא גּוּפָא אָזֵיל", דער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין קָאפּ. דער עִיקָר פון אַ מֶענְטְשׁ אִיז דער מֹחַ וואס לִיגְט אִין זַיין קָאפּ. וואס דער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִין קָאפּ, דָאס אִיז דער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, און דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. ווי נָאר אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צו הָאבְּן אַ רֵיינֶע און הֵיילִיגֶע מֹחַ, דַאן ווערְט ער צוּגֶעקְלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, און ער קען זוֹכֶה זַיין צו הָאבְּן אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ און נְבוּאָה.

\* \* \*
~~~

די ערשטע און די וויכטיגסטע זאך איז צו היילן די מויל, צו רעדן נאר זאכן וואס דער אייבערשטער לאזט רעדן און נישט רעדן קיין נארישקייטן און אומוויכטיגע זאכן וואס פעלט נישט אויס. דער אר"י הקדוש האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז דער ערשטער תנאי צו קענען זוכה זיין צו חכמה העליונה, צו זיין אמת'דיג דבוק צום אייבערשטן, איז זיך צו היטן די מויל. אזוי ווי חז"ל זאגן (אבות פרק ג') "סיג לחכמה שתיקה". אלע שוועריקייטן וואס גייט אריבער אויף א מענטש איז נאר ווייל ער רעדט וואס ער דארף נישט, אזוי ווי עס שטייט אין זהר הקדוש (חלק ג', דף מ"א:) אויפ'ן פסוק (קהלת ו', ז') "כל עמל האדם לפיהו, בגין פיהו דלא נטיר ליה". און אזוי שטייט אויך אין תנא דבי אליהו (זוטא, פרק ט"ז) וואס ער רעכנט דארט אויס אלעס וואס א מענטש דארף טון אין זיין לעבן, און ער ענדיגט צו: "ואפילו אם אדם עושה כל זאת אינו מספיק להבל היוצא מפיו אפלו שעה אחת שנאמר: "כל עמל האדם לפיהו" - פיו שהוא חוטא בהם", אפילו ווען דער מענטש טוט די אלע זאכן, קען ער אבער אלעס פארדארבן מיט די ווערטער וואס ער רעדט ארויס פון זיין מויל, ווען ער רעדט זאכן וואס מען טאר נישט רעדן.

דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל"ח) אויפ'ן פסוק (תהלים קמ"ח, ח') "רוח סערה עשה דברו", אז ווען א מענטש רעדט נארישקייטן, ער מוז ארויסרעדן פון מויל אלע נארישקייטן וואס קומען אים ארויף אין מח, דאן ווערט ווי

אַ שְׁטוּרֶעם ווינְט אִין זַיין מֹחַ, עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, און דָאס הַרְגָ'ט אִים סַיי בְּרוּחְנִיּוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, דָאס רַייסְט אִים אַרוֹיס פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, פוּן דִי וֶועלְט און פוּן יֶענֶע וֶועלְט (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט). עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס רַייסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דָאס רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט און וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם נָאר זַאכְן וָואס פֶעלְן טַאקֶע אוֹיס צוּ רֶעדְן, צִי פַאר פַּרְנָסָה אָדֶער אַנְדֶערֶע ווִיכְטִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זִיכֶער צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן דִּבְרֵי תּוֹרָה, וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת צוּ שְׁטַארְקְן און מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער און זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (חֻלִּין פ"ט.): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק, מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים נ"ח, ב'), הַאֻמְנָם אֵלֶם צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן, מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם. מָה אֻמָּנוּתוֹ שֶׁל אָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה? יָשִׂים עַצְמוֹ כְּאִלֵּם. יָכוֹל אַף לְדִבְרֵי תּוֹרָה? תַּלְמוּד לוֹמַר, צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן", וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט? זִיךְ צוּ מַאכְן ווִי אַ שְׁטוּמֶער, אַזוֹי ווִי עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן, דָאס אִיז אָבֶּער נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן סְתָּם זַאכְן, וֶוען עֶס קוּמְט

אָבֶער צוּ רֶעדְן דִּבְרֵי תּוֹרָה, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ יָא עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן. פַּארְקֶערְט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, צוּ רֶעדְן דִּבְרֵי תּוֹרָה, צוּ רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים מְחַזֵק זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם.

וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן אוּן הֵיילִיגְן זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַּארְקֶערְט, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ מַלְאָכִים צִיטֶערְן צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, עֶס שַׁיינְט דֶעמָאלְט אוֹיף אִים דֶער הֵיילִיגֶער שֵׁם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָא 52, "ב"ן", וָואס דָאס אִיז וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אַרוֹיס אוֹיף דֶעם וֶועג - יו"ד ה"ה וי"ו ה"ה.

* * *

אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אָרְט קוּמְט דִי נָאז, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס אוּן קְפֵידוֹת, זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין אַ כַּעַס רַחֲמָנָא לִיצְלַן, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אַזוֹי וַוייט אַז אַז דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בַּמִּדְבָּר, דַף קע"ט) זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעלֵייקֶנְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִיצְלַן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

הָאט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אִיז עֶס אוֹיךְ זִיכֶער גֶעקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אַלֵיין אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר וָואלְט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס קוּמְט זִיכֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר וָואלְט נָאר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ כַּעַס, וַוייזְט דָאס אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גַאנְץ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין לֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג). אָן קַיין אֱמוּנָה הָאט מֶען דָאס גֵיהִנוֹם דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"ט), אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים כ"ב.) "כָּל הַכּוֹעֵס כָּל מִינֵי גֵיהִנּוֹם שׁוֹלְטִין בּוֹ", דֶער וָואס אִיז אִין כַּעַס, קוּמְט אוֹיף אִים אַלֶע מִינֵי גֵיהִנּוֹם. נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר הָאבְּן גֵיהִנוֹם, נָאר אוֹיךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט שְׁפִּירְט עֶר מַמָּשׁ ווִי אִין גֵיהִנוֹם, וַוייל אָן קַיין אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען הָאט אַ פִינְסְטֶערֶער און דֶערְבִּיטֶערְטֶער לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קנ"ה) אַז סַבְלָנוּת און אֱמוּנָה גֵייעֶן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִיז עֶר אַלֶעמָאל רוּאִיג, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, און רֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף. און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, רַייסְט דָאס אוֹיס זַיין גַאנְצֶע נְשָׁמָה, עֶר וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר חָדָשׁ (פָּרָשַׁת נֹחַ) "לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר, שֶׁלֹּא תִּהְיֶה נֹחַ לִכְעוֹס". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ח) אַז דוּרְכְ'ן וֶוערְן אִין כַּעַס צֶעבְּרֶעכְט מֶען דֶעם מוֹיעֶר, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַייטְן, אוּן דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס רַחֲמָנָא לִיצְלָן, צֶעבְּרֶעכְט מֶען דֶעם מוֹיעֶר, מֶען רַייסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף כַּעַס, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה וֶוערְט אַ פְלֶעק אוֹיף דִי נְשָׁמָה, אוּן וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַואשְׁט עֶר אָפּ דִי אַלֶע פְלֶעקְן; דִי עֲבֵירָה פוּן כַּעַס גֵייט אָבֶּער נָאךְ וַוייטֶער, עֶס רַייסְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם אִיד, אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַלֶעמָאל צוּ מַאכְן אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה, צוּ אָנְהוֹיבְּן כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן כַּעַס, נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי כֵּלִים וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, עֶס זָאל אִים בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ נָאר הַאלְטְן אֵייבִּיג רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, דַאן

שַׁיינְט אוֹיף אִים דֶער הֵיילִיגֶער שֵׁם פּוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 45, "מ"ה", וָואס דָאס אִיז וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אַרוֹיס אוֹיף דֶעם וֶועג - יו"ד ה"א וא"ו ה"א.

וַוייל וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אַלֵיין אִיז בַּיי זִיךְ וִוי גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז "מָה", עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וֶוען מֶענְטְשְׁן פַארְשֶׁעמֶען אִים אוּן טְשֶׁעפֶּען אִים, וָואס דָאס אִיז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), דַאן הֵייבְּט אִים אַלֶעס אָן צוּ גֵיין כְּסֵדֶר, אַלֶעס גֵייט אִים גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פ"ב), עֶר הָאט אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

* * *

דֶערְנָאךְ קוּמֶען דִי אוֹיעֶרְן, צוּ הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן אַז זֵיי זָאלְן נָאר הֶערְן הֵיילִיגֶע אוּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן נִישְׁט הֶערְן דְּבָרִים בְּטֵלִים אוּן נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת ה':) "אַל יַשְׁמִיעַ אָדָם לְאָזְנוֹ דְּבָרִים בְּטֵלִים מִפְּנֵי שֶׁהֵם נִכְוִים תְּחִלָּה לְאֵבָרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לָאזְן זַיינֶע אוֹיעֶרְן הֶערְן דְּבָרִים בְּטֵלִים, וַוייל דִי אוֹיעֶרְן בְּרִיעֶן זִיךְ אָפּ דִי עֶרְשְׁטֶע. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) "מַאי דִּכְתִיב (דְּבָרִים כ"ג, י"ד) וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ, אַל תִּקְרֵי אֲזֵנֶךָ, אֶלָּא אָזְנֶךָ, שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יַנִּיחַ אֶצְבָּעוֹ בְּאָזְנוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט, זָאל עֶר אַרַיינְלֵייגְן דִי פִינְגֶער אִין דִי אוֹיעֶרְן, אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט קֶענֶען הֶערְן.

אַ מֶענְטְש דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֵיין הֶערְן וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, וַוייל וָואס עֶר דַארְף צוּ הֶערְן וֶועט מֶען אִים שׁוֹין מְמֵילָא קוּמֶען זָאגְן. דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן זֹהַר (חֵלֶק ב', דַף ע"ה:): "מַאן דְאוּדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ וְשִׁגְעוֹנָא בְּרוּחֵיהּ", וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע. דָאס מֵיינְט אַז וֶוער עֶס מוּז זִיךְ אֵייבִּיג אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי אוֹיעֶרְן אִיבֶּעֲרָאל אוּן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ וָואס יֶעדֶער הָאט צוּ זָאגְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מְיוּשָּׁב'דִיגֶער מֶענְטְש.

רוֹב צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְש לַיידְט, קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר מוּז אֵייבִּיג אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן, עֶר דַארְף אַלְץ הֶערְן וָואס יֶענֶער הָאט צוּ זָאגְן, אוּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס בְּרֶענְגְט אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְש, אוּן דָאס רַייסְט אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ אִיד דַארְף נָאר צוּבֵּייגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וָואס גוּטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן צוּ זָאגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת כ':) "מִצְוָה לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי חֲכָמִים".

חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא, פָּרָשַׁת תָּבֹא): "וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע. אִם שָׁמַעְתָּ קִמְעָא, סוֹפְךָ לִשְׁמוֹעַ הַרְבֵּה, אִם שָׁמַעְתָּ בָּעוֹלָם הַזֶּה תִּשְׁמַע לָעוֹלָם הַבָּא מִפִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִם זָכִית לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי תוֹרָה שֶׁנִּתְּנָה בְּקוֹלֵי קוֹלוֹת, תִּזְכֶּה לִשְׁמוֹעַ

קול שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה, אִם שָׁמַעְתָּ לְקוֹל רַבְּךָ סוֹפְךָ שֶׁאֲחֵרִים שׁוֹמְעִים לְךָ", װען אַ איד הערט זיך צו צו אַבִּיסל דִבְרֵי תּוֹרָה, װעט ער זוֹכֶה זַיין צו הערן אַסאך; אויב הערט מען תּוֹרָה אויף די װעלט, װעט מען זוֹכֶה זַיין צו הערן תּוֹרָה אויף יענע װעלט פונעם אײבערשטן אַלײן; װען מען הערט זיך צו צו די קוֹל תּוֹרָה, װעט מען זוֹכֶה זַיין צו הערן אַ קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה; אויב װעסטו זיך צוהערן צו די רייד פון דַיין רֶבִּי'ן, װעלן מענטשן דיך אויך װעלן אויסהערן.

אין די גְמָרָא געפונען מיר אַסאך מאל דער אויסדרוק "תָּא שְׁמַע - קום און הער", װען אַ מענטש הערט יא עפּעס, דאַרף ער אַרײַנטראַכטן און פּרובירן צו פאַרשטיין װאס דאס האט געמײנט פאַר אים, װייל יעדע זאך װאס אַ מענטש הערט, האט דער אײבערשטער אים דאס אונטערגעשיקט אַז ער זאל דאס הערן, און דער מענטש דאַרף פּרובירן אַרױסצונעמען פון דעם עפּעס אַ רֶמֶז װאס זאל אים דערנענטערן צום אײבערשטן, אַזױ װי דער רֶבִּי זאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ב) אַז פון יעדע זאך אויף דער װעלט שרײַט אַרױס דער כָּבוֹד פונעם אײבערשטן.

װען אַ איד איז זוֹכֶה צו הײליגן זַיינע אויערן, צו הערן נאר גוטע און הײליגע זאכן, צו זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, צו פאַרשטיין פון יעדע זאך װאס ער הערט, װאס דער אײבערשטער האט אים געװאלט מְרַמֵז זַיין מיט דעם, דאַן איז ער זוֹכֶה אַז עס שַיינט אויף זַיין נְשָׁמָה דער "אוֹר הַבִּינָה",

דֶער הֵיילִיגֶער שֵׁם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 63, "ס"ג", וָואס דָאס אִיז וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אַרוֹיס אוֹיף דֶעם וֶועג - יו"ד ה"י וא"ו ה"י.

* * *

דִי פֶּערְטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אִיז דִי אוֹיגְן, צוּ הֵיילִיגְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי אוֹיגֶן, צוּ זֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט. דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶעעֶן פַאר דִי אוֹיגְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דִי זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁמִירְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ דִי אוֹיגְן מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער זוֹכֶה זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן צוּ זֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ו) אַז נִאוּף אוּן עֲרָיוֹת אִיז מַמָּשׁ ווִי עֲבוֹדָה זָרָה. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים דַף פ"ד.) אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיפְ'ן גַאס אוּן עֶס אִיז זֵיי אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען פְרוֹיעֶן, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִקְרָא י"ט, ד') "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם. דֶער

פָּסוּק זָאגְט דָארְט אָן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה'ס און נִישְׁט מַאכְן קַיין עֲבוֹדָה זָרָה'ס. און דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר וָואס עֶס הָאט אַ שַׁיְיכוּת דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן מִיט עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַאן מַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן און אוֹיף פְּרִיצוּת, וַוייזְט דָאס אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִדְבָּר ט"ו, ל"ט) "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם; אַחֲרֵי לְבַבְכֶם - זוּ מִינוּת, אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵרָה", דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס און אוֹיךְ נִישְׁט נָאךְ נִאוּף, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם.

חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ה'): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְּחַטָאָה, אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אִי יְהָבְתְּ לִי לִבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְאַנְתְּ לִי", דִי הַארְץ מִיט דִי אוֹיגְן זֶענֶען דִי צְוֵויי מֶעקְלֶער וֶועלְכֶע בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד: "אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ מִיר דַיין הַארְץ און דַיינֶע אוֹיגְן, דַאן וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיזְט מַיינֶער!" וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן און קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן

איז ער דעם אײבערשטנ'ס אַ מענטש, זײַן מח ווערט אויסגעלײַטערט און ער הויבט אָן לעבן מיט'ן אײבערשטן.

דעריבער דאַרף אַ איד זײער אַכטונג געבן אויף זײַנע אויגן נישט צו קוקן אויף זאַכן וואָס דער אײבערשטער לאָזט נישט, ער זאָל נאָר קוקן אויף גוטע און אויף הײליגע זאַכן, נאָר קוקן צום אײבערשטן, נאָר קוקן אין די הײליגע תורה, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ד', כ"ה) "עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ נֶגְדֶּךָ".

ווען אַ איד איז זוכה צו הײליגן זײַנע אויגן, נישט צו קוקן אויף זאַכן וואָס מען טאָר נישט, נאָר צו קוקן און צו זען דעם אײבערשטן אין יעדע זאַך, דעמאָלט הויבט אָן שײַנען אויף אים דער הײליגער שם פון עם אײבערשטן וואָס איז בגימטריא 72, "ע"ב", וואָס דאָס איז ווען מען שרײַבט עס אַרויס אויף דעם וועג - יו"ד ה"י וי"ו ה"י.

די נשמה פון אַ איד איז צוזאַמגעשטעלט פון פינף חלקים; נפש, רוח, נשמה, נשמה לנשמה, און יחידה. ווען אַ איד הײליגט זײַן מויל, איז ער זוכה אַז עס שײַנט בײַ אים זײַן נפש. ווען ער היט זיך פון כעס, וואָס דאָס קומט פון די נאָז, דאַן שײַנט בײַ אים זײַן רוח. ווען ער שטאַרקט זיך אין אמונה, וואָס דאָס איז קעגן די אויערן, דאַן שײַנט בײַ אים זײַן נשמה. און ווען ער הײליגט זײַנע אויגן צו קוקן נאָר צום אײבערשטן, דאַן שײַנט בײַ אים זײַן נשמה לנשמה. און

װען ער האָט שוין דאָס אַלעס דאַן קען ער שוין אויך זוכה זײַן צו יְחִידָה, ער װערט אינגאַנצן נכלל אינעם אייבערשטן, און ער איז זוכה צו די גרעסטע און העכסטע מַדְרֵיגוֹת צו וואָס אַ איד קען זוכה זײַן.

די ווערטער 'נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים' איז בְּגִימַטְרִיָּא 'רְאִיָּה, שְׁמִיעָה, רֵיחָא, דִּבּוּר'. די פיר חוּשִׁים; דאָס זען, דאָס הערן, דאָס שמעקן, און דאָס רעדן, אין דעם איז אָנגעהאַנגען די נְשָׁמָה וואָס ליגט אינעם מוֹחַ פונעם מענטש. עס שטייט אין ספר עֵץ חַיִּים (שַׁעַר ד' פֶּרֶק א) אַז די פיר חוּשִׁים זענען קעגן די פיר אוֹתִיּוֹת פונעם שֵׁם הוי"ה, און דאָס זענען קעגן די נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, און די נְשָׁמָה לִנְשָׁמָה, וואָס געפונט זיך אין אַ מענטש, און דאָס ווערט מער ערקלערט אין ספר "פִּתְחֵי שְׁעָרִים" (נְתִיב אוֹרוֹת אַחַ"פ דְּאַ"ק) אַז ווען אַ איד הייליגט די פיר חוּשִׁים, שײַנט אויף אים די פיר אוֹתִיּוֹת פון דעם אייבערשטנ'ס נאָמען, וואָס יעדער פון די פיר אוֹתִיּוֹת איז אַ שֵׁם פאַר זיך, וואָס איינס איז בְּגִימַטְרִיָּא 72 ע"ב [יו"ד ה"י וי"ו ה"י], די צווייטע איז בְּגִימַטְרִיָּא 63 ס"ג [יו"ד ה"י וא"ו ה"י], די דריטע איז בְּגִימַטְרִיָּא 45 מ"ה [יו"ד ה"א וא"ו ה"א], און די פערטע איז בְּגִימַטְרִיָּא 52 ב"ן [יו"ד ה"ה ו"ו ה"ה].

עס שטייט אין זֹהַר חָדָשׁ (פָּרָשַׁת שְׁלַח לְךָ): "תָּא חֲזִי, אִית נְבוּאָה מֵרְאִיָּה, וְאִית נְבוּאָה מֵרֵיחָא, וְאִית נְבוּאָה מִשְּׁמִיעָה, וְאִית נְבוּאָה מִדִּבּוּר", יעדער מענטש קען זוכה זײַן צו נְבוּאָה,

לויט וועלכע כּלי ער האט מער געהייליגט. יעדער איד קען זוכה זיין צו ווערן אמת'דיג נאנט צום אייבערשטן, צו האבן א קלארע און ריינע אמונה, דורך דעם וואס ער הייליגט די פיר כּלים פון זיין מח.

עס זעט אויס ווי גאר הויכע און גרויסע זאכן, אבער דאס איז וואס דער הייליגער רבי וויל אריינברענגען אין יעדן איד וואס איז מקורב צו אים און פאלגט זיינע עצות און לימודים. יעדער איד וואס ווארפט אוועק זיין שׂכל, ער ווארפט אוועק אלע זיינע חכמות, און פאלגט מיט תּמימות ופּשיטות אלעס וואס דער רבי זאגט, וועט אים דער רבי צוברענגען צו די אלע מדריגות.

רבי נתן האט געזאגט: "צוליב די התנוצצות אלקות וואס איז דא אין מיר, איז מיין קוקן גאר אנדערש, מיין הערן איז גאר אנדערש, און מיין רעדן מיט מענטשן איז אויך גאר אנדערש". דאס האט ער זוכה געווען דורך דעם וואס ער האט זיך צוגעהערט צום רבי'ן, ער האט גענומען דעם רבינ'ס עצות און לימודים און דאס מקיים געווען, האט ער זוכה געווען צו הייליגן זיינע פיר חושים און דאס האט אים צוגעברענגט צו די העכסטע מדריגות; און יעדער איד וואס פאלגט דעם רבי'ן וועט אויך זוכה זיין צו דעם.

* * *

